קובץ

# תוך הנחל

דיבורים נוראים ונפלאים שנאמרו
בשבת קודש פרשת וארא תש"ע
[אויף אידיש]

מפ"ק כ"ק הרה"צ **מוהרא"ש** שליט"א

יוצא לאור חודש טבת תשע"א

# תוך הנחל

## סעודה שלישית פרשת וארא ה'תש"ע

בסעודה שלישית, סעודת רעווא דרעווין, דיבר מוהרא"ש נ"י דיבורים נוראים ונפלאים מאד על פי דברי רביז"ל בליקוטי מוהר"ן חלק ב' סי' פ"ו המדבר מאמונה ומעבודות קשות, עיין שם.

פתח ואמר מוהרא"ש נ"י, רביז"ל אומר, **דע, שעל ידי שהעולם הם מקטני אמנה, על-כן הם צריכים לתענית, דהיינו עבודות קשות כי בודאי ידוע, שאפשר לעבוד השם יתברך בכל דבר, כי 'אין הקדוש ברוך הוא בא בטרוניא עם בריותיו'** (עבודה-זרה ג'), **אך מה שצריכין לפעמים לעבודות קשות, הוא בבחינת מה שאמרו רבותינו זכרונם לברכה** (סנהדרין עד:), **'בשעת שמד אפלו אערקתא דמסאני יהרג ואל יעבר', נמצא שאף שבאמת אין ראוי שיהרג על זה, אך מחמת שהוא שעת שמד, והם מתגברים ורוצים דייקא להעבירו על דת ולהביאו לכפירות חס ושלום, על-כן הוא מוכרח למסור נפשו אפילו על דבר קל, והעבודה-זרה והכפירות הם בבחינת** (תהלים קל"ה): **"אף אין יש רוח בהם", שאין בהם שום רוח כלל, והקטני-אמנה הם בבחינת "מקוצר-רוח", שהוא כמו ממוצע, דהיינו שאין להם אמונה שלימה, שהיא בחינת מאריך רוחו, כמובא במקום אחר** (לקוטי מוהר"ן חלק א' סימן קנ"ה), **ואף-על-פי-כן אינם כופרים לגמרי, שאין להם שום רוח כלל, רק הם כמו ממוצע, ורוחם קצרה, בחינת מקוצר רוח, וזהו** (שמות ו): **"מקוצר-רוח ומעבודה קשה", שמחמת שהם בבחינת "קוצר-רוח", מחמת שהם קטני אמנה, על-ידי-זה צריכין לעבודות קשות ולתעניתים, כמו שבשעת השמד שהיא קלקול אמונה לגמרי, צריכין אפילו למסור נפשם ממש אפילו על דבר קל, כמו-כן כשיש קטנות ופגם באמונה, צריכין לעשות עבודות קשות, ויש כמה בחינות בקטני אמונה, כי יש אפילו צדיקים שהם קטני אמנה, כמו שדרשו רבותינו זכרונם לברכה** (סוטה מח:) **על פסוק: "כי מי בז ליום קטנות"-'מי גרם לצדיקים שיבזבז שולחנן לעתיד לבא, קטנות שהיה בהם וכו'**, עד כאן לשון רביז"ל.

והסביר מוהרא"ש נ"י, כי הנה רביז"ל מגלה בתורה זו, אז חלק א פון אמונה אין השי"ת איז, א מענטש זאל גלייבן אז ער איז אויך זייער חשוב ביי השם יתברך, און די צוויי אמונות זענען איינס, און אזוי ווי מיר גלייבן אינעם השי"ת'ס גרויסקייט מוזן מיר גלייבן אז יעדע עבודה וואס מיר טועהן אים גאר חשוב ביי השי"ת. אבער ווייל מענטשן האבן נישט די אמונה זענען זיי קטני

אמונה ווייל זיי ווערן אפגעשוואכט פון עבודת ה׳ אויך, ווייל עס דאכט זיי אז נאר דורך עבודות פון תעניתים מיט סיגופים קענען זיי זיך דערנענטערן צו דער אייבישטער.

און די אמונה אין די גרויסקייט פון זיין נפש, ווערט אנגערופן **"בטחון עצמי"**, אז א מענטש איז זיכער אין זיך, אז ער קען צו אלעם אנקמען, און **ער קען "יא"** מצליח זיין אין אלעם וואס ער וויל, דער עיקר ער זאל האבן א רצון, און ער וועט נישט אפלאזן די רצון פון קיין שום זאך אויף די וועלט, אבער דער יצר הרע ארבעט זייער אפצושוואכן א מענטשנ׳ס ווילן, און ער זאגט איהם: דו קענסט נישט! איז פארוואס זאל ער וועלן, אבער באמת איז נישט דא אזא זאך "איך קען נישט", און דער עיקר חסרון איז נאר אז ער וויל נישט, אבער טאמער ער וועט וועלן, וועט ער זעהן אז ער קען יא! און אזוי ווי איינער האט געזאגט צו דער בעל שם הקדוש: "איך קען נישט", האט איהם דער בעל שם טוב הקדוש ז"ע געזאגט כנ"ל. און אזוי זאגט אויך דער רבי ז"ע (ליקוטי מוהר"ן חלק א׳ סי׳ ס"ו) שאין דבר עומד מפני הרצון, און אויב וועט א מענטש האבן א שטארקע רצון צו עפעס א זאך, איז נישט דא קיין שום מניעה אויף די וועלט וואס וועט איהם מונע זיין דערפון, און וויפל א מענטש דערהייבט זיך פון די פגם פון **"קטני אמונה"** און ער פוהל זיך אן מיט **"בטחון עצמי"**, ואומר **"כן"** און ער גלייבט אז ער קען אלעם טוהן – וועט ער טאקע מצליח זיין.

און דאס איז די עבודה פון די צדיקים, ארייננצוברענגען די אמונה ביי יודן, אז זיי זאלן גלייבן אין די צוויי אמונות וועט זיי און דאס וועט זיי אויסלייזן פון גלות, און אזוי ווי עס שטייט (ישעיה נ"ה) כי בשמחה תצאו (ליקוטי מוהר"ן חלק ב׳ סי׳ י׳), און דאס איז געווען די גאנצע פלאג פון משה מיט די צוויי נקודות – ארויס צונעמען די אידישע פאלק פון די אונטערגעטעניגקייטן פון מצרים.

און דאס שטייט אין די פסוק: **וידבר משה כן אל בני ישראל ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה**, און מען דארף פארשטיין וואס איז די ווארט **"כן"** אין דער פסוק, וואס מיר טרעפן נישט אין אנדערע ערטער ווען משה רבינו האט גערעדט צו נשמות ישראל, אבער לויט דער רבינ׳ס ווערטער איז גאנץ גוט פארשטענדליך **וידבר משה "כן" אל בני ישראל**, משה רבינו איבערגעגעבן דעם סוד **"כן"** צו יודישע קינדער, זיי זאלן זאגן **"כן - יא"** צו אלסדינג וואס זיי ווילן אנקומען, און זיי זאלן קיינמאל נישט אפלאזן דעם רצון פון קיין שום זאך אויף די וועלט, ווייל זיי זענען זייער וויכטיג און טייער ביי דער אייבישטער, און זיי וועלן א וודאי אין אלעם מצליח זיין, אבער **"ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה"**, אז דערווייל האבן זיי געהאט דעם פעלער פון **"קוצר רוח"** וואס דאס איז "קטני אמנה", אז זיי האבן נישט געגלייבט אז אפילו א פשוט׳ע עבודה איז טייער ביי גאט - **"ומעבודה קשה"**,

דעריבער איז זיי געווען שווער אנצונעמען משה רבינו'ם רייד און זיי האבן נישט פארשטאנען ווי אזוי זיי וועלן אויסגעלייזט ווערן פון מצרים.

און לויט דער רבינ'ס ווערטער קען מען פארשטיין פארוואס האט משה רבינו נישט קעקנט דאס ארייצוברענגען אין יודישע קינדער - **"יש אפילו צדיקים שהם קטני אמנה, כמו שדרשו רבותינו זכרונם לברכה** (סוטה מח:) **על פסוק: "כי מי בז ליום קטנות" - 'מי גרם לצדיקים שיבזבז שולחנן לעתיד לבא, קטנות שהיה בהם"**, ווייל אמאל איז דא עפעס א משהו פון דעם פגם ביי צדיקים אויך, אז זיי גלייבן נישט אז זיי זענען חשוב ביי דער באשעפער און אז דער באשעפער האט גרויסע שעשועים פון זייערע חידושי תורה (ליקוטי מוהר"ן חלק א' סי' ס"א), און דעריבער פראבירן זיי נישט פאררעכטן אידישע נשמות און אלע פארלירן צוליב דעם.

און דאס טרעפן מיר ביי משה רבינו ווען השי"ת האט איהם געשיקט, האט ער געזאגט צו השם יתברך (שמות ד'), והן לא יאמינו **"לי"** ולא ישמעו **"בקולי"** כי יאמרו לא נראה **"אליך"** ה', אז משה רבינו האט נישט געגלייבט אז 'ער' האט דעם כח ארייצוברענגען די אמונה ביי יודן, אפילו אז יודן האבן אמונה, אבער אז זיי זענען אויך חשוב ביי גאט האט ער זיך נישט פארגעשטעלט אז ער קען דאס ארייבערענגען אין זיי, און ער איז געשטראפט געווארן אויף דעם וואז ער האט געזאגט לשון הרע, און די שטעקן איז איבערגעקערט געווארן צו שלאנג, און זיין האנד איז געווארן קרעציג אזוי ווי א שניי, ווייל ער האט אנגעכאפט די פאך פנעם שלאנג וואס ער האט גערעדט לשון הרע; אזוי ווי רש"י טייטשט דארטן (שמות ד' פסוק ג').

און עס איז שווער, פארוואס איז משה רבינו געשטראפט געווארן? עס איז דאך טאקע אזוי געווען אז זיי האבן נישט אגענומען זיינע ווערטער, אזוי ווי עס שטייט (שמות ו') **ולא שמעו אל משה וגו'**, און וואס איז געווען זיין פגם? אבער יעצט איז זייער גוט, אז די שטראף איז געווען אז משה רבינו האט געזאגט לשון הרע "אויף זיך", מיט דעם וואס ער האט געזאגט: "והן לא יאמינו "לי" ולא ישמעו "בקולי", און ער האט נישט געגלייבט אז ער האט כוחות צו העלפן יודישע קינדער, און זיי אויסלייזן פונעם גלות, וואס דאס איז די פגם פון "קטני אמנה", און אויף דעם האט איהם הקדוש ברוך הוא געזאגט (מובא שם ברש"י פסוק ט'), אשאד איז אויף די וואס זענען פארלוירן געווארן און מ'קען זיי שוין נישט טרעפן, אשאד אויף דיין אמונה אין דיר אליין וואס איז שוין נישט דא, איך דארף קלאגן אויף די טויט פון די אבות וכו', ווייל די אבות הקדושים אברהם יצחק ויעקב האבן געהאט א שטארקע אמונה אין זיך – וואס מיט די אמונה האבן זיי מגייר געווען פוהל פעלקער צו די אמונה הקדושה, און וואס איז מיט דיר?

דעריבער ווען משה איז געגאנגען צו נשמות ישראל רעדן אויף זייערע הארץ, און ארייננעמען אין זיי אמונה מיט "בטחון עצמי", און אזוי ווי עס שטייט - **וידבר משה "כן" אל בני ישראל**, אין אנפאנג האבן זייערע דיבורים נישט געמאכט א רושם, און אזוי ווי עס שטייט: **ולא שמעו אל משה מקוצר רוח ומעבודה קשה**, ווייל אין אנפאנג האט משה רבינו מסרב געווען צו גיין, ווייל ער האט נישט געוואוסט אז ער האט א כח דערצו, אבער דערנאך ווען האבן אנגעהויבן זיינע דיבורים ארייינצוגיין אין יודישע הערצער, און זיי האבן געזהען אז דער אייבישטער האט זיי ליב – און ער צוברעכט די טבע פאר זיי, דעמאלס האבן זיי אנגעהויבן צו פארשטיין וויפל איז זייערע נשמה וויכטיג אין טייער ביי דער בורא כל עולמים.

זאל השי"ת אונז מזכה זיין ארייינצוברענגען אין אונז א שיינע און א קלארע אמונה, מיר זאלן גלייבן סיי אין באשעפער און סיי אין אונזערע כוח זיך מדבק זיין אין איהם. ועל ידי זה נזכה לראות בגאולת וישועת ישראל, ובביאת משיח צדקנו במהרה בימינו, אמן ואמן.